STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02418

DER HOYZLEHRER DAYTSH

Naftali Hertz Neimanovitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„דער הויזלעהרער"
דייטש

צום זעלבסטערלערנען גרינדליך דיא דייטשע שפראכע,
אויף זעהר א לייכטען אופן, אהן א הילף פון א לעהרער.

פון

ניימאנאוויטש הניך

(ערשטעם העפט.)

ווארשא

ДЕРЪ ГАУЗЛЕРЕРЪ ДЕЙТШЪ

т. е. НѢМЕЦКІЙ САМОУЧИТЕЛЬ
на разговорно-еврейскомъ языкѣ
ДЛЯ САМОУЧАЩИХСЯ ЕВРЕЕВЪ,
СОСТАВЛЕННЫЙ
Найтановичемъ
Выпускъ 1-ый

ВАРШАВА

1900

Дозволено Цензурою
Варшава 10 Ноября 1899 года.

„דער הויזלעהרער"

דייטש

פרייז פאן דיזען העפט 15 קאפ'

מיט פארטא 17 קאפ'

אדרעססע דער רעדאקציע :

Г. Наймановичъ. въ Варшавѣ.

ערשטעס העפט

ליבער פריינד ! איך נעם מיך יעצט צו ערפיללען דיין פערלאנגן , איך פאנג אן דיך צוא לערנען דיא דייטשע שפראכע , דוא אבער פון דיין זייט , מוזט אויך דאצו צו העלפען , דענן אן דיין ווילען , אהן דיין געדולד , אהן דיין ארבייט , וועט מיין גאנצע מיה זיין וויא איין ארבעס אויף דיא וואנד . איך וועל געוויס טוהען דאס מייניגע . איך וועלל דיר געבין אללעס גוט אונ קלאהר צוא פערשטעהן . אבער דוא טוה אויך דאס דייניגע . נעם דיר צייט ווענינגסטענס א שעה אין טאג , ארבייט פלייסיג מיט שכל , אונ טוה אללעס וואס איך הייס דיך , דענן נאר אויף אזוי איין אופן וועסט דוא קוממען צוא א צוועק אין ערלערנען דייטש .

דיא דייטשע שפראכע איז איבערהויפט נעטהיג פאר א יוד, דענן יידען זענין סוחרים. אונ דייטש הערשט אין דער קויפמאנישען וועלט. מיט דעם דייטשען לשון קענן זיך א יוד העלפען אין דר האנדעלסוועלט הן אלס סוחר, הן אלס בוכהאלטער, אונ אהן דעם, בעגעגנט ער מכשולים אויף יעדען שריט אונ טריט.

אויב דוא ביסט א שטיק עצל, אדער ווען דוא ווייסט ביא דיר אז האסט א טבע וויא דאס רוב יונגע לייט, וואס פערנעהמען זיך צוא א זאך מיט חשק מיט א ברען, אונ באלד ווערט זייא דיא זאך פערמיאוסט, אונ ווארפען עס אוועק, איז געוויס גלייכער זאלסט גאר נישט אנהייבען. נאך וואס זאלסט דוא אומזיסט צייט פערלירען. איך האפף יעדאך, אז וועסט מיר נאכגעהען מיט לוסט אונ פערגניגען ביז צום לעצט, אונ אין דיזער האפפנונג הייב איך מיט דיר אן דיא ערשטע לעקציאן אין א מזלדיגע שעה.

§ 1. — אזוי ווי אלע עראפעאישע שפראכען, ווערט אויך דייטש געלעזען אונ געשריבען פון דער לינקער האנד צוא דער רעכטער, נישט וויא יידיש. צום ביישפיעל יידיש:

דא אנהייב שורה	־א סוף שורה

דייטש אבער

איז דא סוף שורה	דא אנפאנג שורה

§ 2. — בעטראכט די דייטשע אבעצע וואס איך שטעלל דיר דא, אונטער יעדעם אות איז אונטערצייכנט אויף יידיש וויא עס הייסט. עס איז פערהאנדען צווייאערלייא אבעצע. דיא קליינע אונ דיא גרויסע. ווענן מען בענוצט א גרויס אות, וועסט דוא שוין שפעטער געוואהר ווערען. איך האב דיר דא געשטעלט א גרויס אות, אונ דאנעבען דאסזעלבע אות קליין

§ 3.

דיא גרויסע אונ דיא קליינע אבעצע.

Aa,	Bb,	Cc,	Dd,	Ee,	Ff,
אַ	בּ	צ	ד	ע	פֿ
Gg,	Hh,	Ii j,	Kk,	Ll,	Mm,
ג	ה	י	ק	ל	מ
Nn,	Oo,	Pp,	Qq,	Rr,	Ss s,
נ	אָ	פּ	קוּא	ר	ז ס
Tt,	Uu,	Vv,	Ww,	Xx,	Yy, Zz.
ט	אוּ	פָֿאא	וו	יקס	אִי צ

§ 4 — זאלסט דיך דערווייל נישט אנשטרענגען צוא קעננען דיא אללע אותיות, דענן דאס וואלט דיר שווער געוועזען. דוא זאלסט זיא נאר איינמאהל בעטראכטען, מעהר נישט, דוא וועסט באלד לערנען נאר אהן ארבייט. אויב עס וועט דיר נישט שווער זיין, דיך באלד אויסצולערנען דיא אבעצע, איז געוויס גוט, ווענן נישט שאדט אויך נישט. נעם דיר נאר דערווייל אין זינען אריין דיא עטליכע כללים.

א) Ii ווערט אויס געערדט וויא „אי״, עס דיענט אויך פר א חיריק, למשל דיא י אין ווארט „מיר״ פיהלט מען נישט דיא יוד, נאר זיא ניצט פאר א בלויסען חיריק צוא דער מם.

ב) ווערט אויסגעשפראכען וויא איין י אין ווארט „ים״ „יעקב״ אבער זיא ניצט נישט פאר קיין חיריק.

ג) Oo ווערט אויסגעשפראכען וויא דער קמץ אין ווארט „גאלד״ „זאק״ „קאפף״.

ד) Ss ווערט אויסגעערדט וויא איין ז אם אנפאנג ווארט אונ זלבע (הברה).

ה) ß דאס הייסט שלוסס „עס", עס איז א „סמך", אונ עס קומט אין ווארט מייסטענס ביים שלוסס (צום סוף).

ו) u u ווערט געלעזען וויא אין פולין דער קמץ אין ווארט „גארטען" אונ וויא אין דער ליטא דער מלופום אין ווארט „גוט".

אט מיט דיא עטליכע כללים וואס איך האב דיר דא געזאגט, קענסט דוא שוין דערווייל אנפאנגען צוא לעזען דאס ערשטע לעזעשטיק וואס שטעהט דא ווייטער. נאר דוא מוזט אזוי טוהען, יעדעס אות בעזונדער פון דעם לעזעשטיק זאלסט דוא נאכקוקען אין דער אבעצע וואס עס איז, למשל דאס ערשטע ווארט פון לעזעשטיק איז Wo זאלסט דוא נאכזעהן דיא W שטעהט אויבען אז עס ווערט גערעדט וויא וו, דאס צווייטע אות o געפינסט דיא אין דיא כללים (כלל ג) אז עס ווערט געלעזען וויא דער קמץ אין ווארט „סאק". אלזא קענסט דוא שוין איבערלעזען דיא צווייא אותיות Wo (ווא) דערנאך געה צום צווייטען ווארט יעדעס אות בעזונדער זאלסט דוא נאכקוקען ביז ווענסט קענגען איבערלעזען איין זאטץ.

יעדען זאטץ זאלסט דוא דרייא מאל איבערלעזען, ביז וועסט ענדיגען דאס גאנצע לעזעשטיק. ליבער שאת, דיר אביסעל צוא ערלייכטערן, האב איך דיר מאנכע ווערטער געשטעלט דאנעבען אויף יידיש וויא אזוי עס לעזט זיך. אונ דא וויא עס איז נישט אונטער־צייכענט אויף יידיש, וועסט דוא שוין אליין וויססען.

ערשטעס לעזעשטיק.

Wo ווא ist איזט er ער? Er ער ist da דא. Ja יא er war וואר da. Was וואס ist das דאס? Das דאס ist der דער Mond מאנד. Der דער Mond ist rund רונד. Das Brod בראד war gut גוט. Das ist das Kind קינד. Das Kind ist arm ארם. Das Gold גאלד ist gelb געלב. Ist es עס bald באלד Abend אבענד? Dort דארט ist das Glas גלאז. Es עס ist bald Morgen מארגען. Das Feld פעלד ist dort דארט. Der Knabe קנאבע ist arm, aber אבער er ist gut. Der Ap=fel אפפעל

ist rund und אונד gelb. Wir וויר wa=ren ווארען in אין Ber=lin בערלין. Das ist der Bru=der ברודער. Der O=fen אפען dort war kalt קאלט, aber je=ner יענער war et=was עטוואס warm ווארם. In אין Ber=lin ist es bald kalt bald warm.

אויפגאבע.

יעצט פערשטעלל דיר די געצייכנעטע יידישע ווערטער אונ לעז נאך א מאהל דאס גאנצע שטיקעל אליין אזויא פיעל מאהל זאלסט דוא עס לעזען ביז וועסט שוין נישט ברויכען נאכקוקען די בוכשטאבען פריער וואס זייא זענען.

§ 5 אז קענסט שוין דאס לעזעשטיק גוט לעזען, ביזט דו געוויס נייאגיריג צוא פערשטעהן וואס דוא לעזט. איך האב דיר געשטעלט אפילו א גרינג לעזעשטיק דאס ערשטע מאל, אונ דוא וועסט עס געוויס אליין פערשטעהן, נאר ליתר שאת שטעלל איך דיר דא טייטשווארטער, אלזא וועלכעס ווארט דוא ווייסט נישט קוק נאך אין דיא טייטשווארטער. אזוי א ווארט וואס קלינגט גלייך מיט דען יידישען ווארט, האב איך דיר גאר נישט פערטייטשט, למשל דאס ווארט (ער) er (קינדר) Kind, (דארט) dort, וכדומה, וויל דאס ווייסט דוא דאך אליין דען טייטש, עס איז דאך דאס אייגענע וואס יידישע.

טייטשווארטער פון 1 טען לעזעשטיק.

1) Wo (איה) ווא; ist איז; da דא. Ja יא; war איז געוועזען; was וואס; das דאס; Mond לבנה; rund קיילעכיג; Brod ברויט; gut גוט; arm ארם (עני); gelb געהל; Abend אבענד (ערב): Glas גלאז, Morgen פריה (בקר), Knabe א יונגעל, aber אבער.

---

1) אין פוילען זאגען יידען נישט „ווא" נאר „וויא", למשל ווען זייא ווילען זאגען „ווא איז דאס קינד" זאגען זייא „וויא איז דאס קינד" (איה הילד?), אבער אין דייטשען האט „וויא" א טייטש פון „וויא אזוי" (איך) אונ „ווא" איז טייטש „איה".

Wir מיר, אונס (אנחנו); waren געוועזען. Bruder ברודער; Ofen אויבען (תנור); 2) bald באלד; hat האט; Hunger הונגער.

לעזע נאך א מאהל איבער ערשטעס לעזעשטיק, אונ זאלסט עס פערשטעהען.

---

2 טע לעקציאן.

איינגע כללים צום לעזען.

§ 6 — בעמערק דיר נאך דיזע כללים צום לעזען.

א) ß דאס זענען צווייא אותיות ſ אונ z, אז זיא שטעהען צוזאממען ווערען זיא געלעזען וויא צווייא סמכין אדער וויא איין שטארקע סמך, למשל Fuß פאס, אזוי אויך ſſ דאס ווערט אויך געלעזען וויא א שטארקע סמך: למשל Messer (מעססער) נישט מעסער.

ב) ch דאס איז צווייא אותיות c אונ h, אז זיא שטעהען צוזאממען ווערען זיא געלעזען וויא א חית, Rache (ראכע). אממייסטען ווערט עס אזוי געלעזען, וויא א ווייכע כ, גלייך וויא כ מיט י, למשל welcher (וועלכיער) וויא אין רוסישען אונ פאלנישע דאס ווארט שם הגוף ich, ихъ.

ג) sch דאס איז דרייא אותיות h, c, ſ אז זיא שטעהן צוזאממען ווערען זיא געלעזען וויא א שין, למשל Mensch מענש.—

ד) sp, st, דאס זענען צווייא אותיות t, ſ, אדער p, ſ צוזאממען ווערען זיא געלעזען אם אנפאנג ווארט אדער אם אנפאנג זילבע *) וויא שט, שפ. — אין מיטטען אדער אם סוף ווארט וויא סט, ספ. למשל sterben (שטערבען), sprechen (שפרעכען), Verstand (פערשטאנד). fasten (פאסטען), fest (פעסט). פאר

---

2) „באלד" איז טייטש אויך „אמאהל", למשל „באלד קאלט באלד ווארם", איז טייטש „אמאהל קאלט אמאהל ווארם".

*) יעדעס ווארט האט איין זילבע' למשל: גוט, שריפט, אדער עטליכע זילבען, למשל גע-לע-זען האט דרייא זילבען — ווי פיעל נקודות עס איז דא אין א ווארט, אזויא פיעל זילבען איז

אַ יוד איז דאָס לייכט צוא וויסען, דענן ע"פ רוב קלינגען די ווערטער ווִיא אין יידישען.

ה) ווערט געלעזען וויא קס, למשל Ochs. (אָקס)

ו) h אין מיטטען וואָרט ווערט נישט אויסגערעדט, למשל: nähen, gehen לעז גע־ען, נע־ען.

יעצט זאָלסט דוא לעזען דאָס צווייטע לעזעשטיק, אונ אַזויא נאָכקוקען יעדעס אות (וואָס ווערסט נישט וויסען) אין דער אַבעצע.

2 טעם לעזעשטיק.

Der Fuß פוס ist lang לאַנג. Wel=cher וועלכער Tag טאג war ge=stern געסטערן. Es עס ist schon שאָן dun=kel דונקעל. Un=ser אונזער Le=ben לעבען ist gar גאַר kurz קורץ. Ist das Ding דינג da Sil=ber זילבער oder אָדער Gold גאָלד? Wir wa=ren in Pe=ters=burg פעטערסבורג (*. Der Arzt ארצט ist da. Un=ser Bru=der ist krank קראַנק. Je=ner יענער Tisch טיש ist rund. Da ist der Fluß פלוס und dort ist un=ser Land לאַנד. Je=ner Knabe ist stolz שטאָלץ. Un=ser Bru=der ist spar=sam שפּאַרזאַם. Er war stets שטעטס spar=sam. Das ist Sand זאַנד. Un=ser Holz האָלץ ist hart האַרט. Du hast Hun=ger הונגער a=ber wir ha=ben Durst דורשט. Je=der יעדער Stern שטערן ist rund. War das Spaß שפּאַס? Der Ochs אָקס ist stark שטאַרק. Ich איך bin בין ge=sund געזונד. Nicht ניכט je=der Mensch מענש ist ge=recht גערעכט. Der Vo=gel פֿאָגעל ist ge=schwind געשווינד. Das Pferd פפערד ist nütz—lich ניטצליך. Ich se=he זע—ע dich דיך.

---

*) דאָס שלוסס עס קומט s איינגענטליך נאָר אַם סוף וואָרט. נאָר דאָס וואָרט „פעטערסבורג" איז צוזאַמענגעשטעלט פון 2 ווערטער, פון פעטער און פון בורג, שטעהט דאָס s אַם סוף פון פעטער. קומט עס אויס אין מיטטען אַזוי אויך אין אַנדערע צוזאַמענגעזעצטע ווערטער קומט אויס דאָס s אין מיטטען.

אויפגאבע .

1 לעז איבער נאך אמאהל דאס גאנצע לעזעשטיק, נאר זאלסט דיר פערשטעללען דאס יידישע .

2 לעז איבער נאך א מאל , אונ זאלסט פערשטעהן וואס דוא לעזט . דאס ווארט וואס פערשטעהסט נישט , קוק אין דיא טייטשווארטער וואס שטעהען דא .

טייטשווארטער צום 2 טען לעזעשטיק .

Ding זאך; gar גאר; Tag טאג; gestern נעכטען; dunkel טונקעל; Arzt דאקטאר; Fluß טייך (נהר); stolz .בעל גאוה; sparsam קארג; stets תמיד; Sand זאמד; Du hast דוא האסט; Spaß קאטאוועס; Vogel פויגעל

---

3 טע לעקציאן .

איינינע כללים צום לעזען

§ 7 בעמערק נאך דיזע רעגלן

א) x X ווערט אויסגערעדט וויא קוף מיט סמך — קס , למשל Axt אקסט .

ב) qu . דיא q שטעהט צוזאממען מיט u , אונ זייא ווערען געלעזען וויא קוו, למשל Quelle קוועללע .

ג) th אז דיא h קומט נאך דער t ווערט דיא זילבע (הברה) לענגער א ביסעל געצויגען , למשל das Thor „דאס טהאר" אבער נישט „טאר" .— Noth נישט נאט נאר נאאט גלייך עס וואלט געשטאנען נאאט , מיט א גאנצע קמץ .

ד) דיא גאנצע אבעצע ווערט צערטהיילט אויף אותיות (מיט לויטע) אונ נקודות (זעלבסטלויטע) . זעלבסטלויטע הייסען דיא בוכשטאבען וועלכע קענענ זעלבסט אויסגערעדט ווערען . אונ מען ברויך נישט צו צונוטצען קיין אנדער אות דאצו , למשל a (א) , e (ע) . לאפוקי אבער דיא מיטלויטע קען מען נישט אליין אויסרעדען , מען מוז צוא גוטצען איין זעלבסלויט , למשל'רעיה (בע) b . אדער א נקודה פון פארינט

לְמָשָׁל m(עם).— דיזען קלאנג מוזט דא אויפשרייבען מיט צוויא אותיות מ׳ רע · עם ·

דיא זעלבסטלויטע זענען דיזע זעקס

Aa , Ee , Ii , Oo , Uu , Yy

דיא איבריגע אותיות פון דער אבעצע הייסען מיטלויטע.

§ 8.— עס איז נאך דא דאפעללויטע · דאס הייסט 2 זעלבסטלויטע צוזאממען , וועלכע ווערען אויסגערעדט מיט איין קלאנג (גישט וויא צוויא נקודות נאר וויא איינע) · היינו

ai · עהנליך צוא איי · לְמָשָׁל der Kaiser (דער קייזער) · der Waise (יתום) ·

ie , וויא „אי" לְמָשָׁל wie (וויא) · *)

ei , וויא „איי" לְמָשָׁל meiner (מיינער) · — (נעם דיר דאס אין זינען , ווייל עס איז לייכט זיך טועה צוא זיין · i פאר דיא e , היינו ie איז „אי" , אבער e פאר i לְמָשָׁל ei איז „איי") ·

eu , וויא „אוי" לְמָשָׁל Freund (פרוינד) ·

au , וויא אא , אוי וויא דער חולם „וי" אין ווארט „אויך" , Baum ·

§ 9 — דיזע דרייא זעלבסטלויטע , היינו a , o , u קוממען מאנכעס מאהל אויבען געשטראכען אונ דאמאלס האבען זייא גאר איין אנדערן קלאנג ä , ö , ü ,

ä וויא „ע" לְמָשָׁל der Bär (דער בער) ,

ö איך עהנליך צוא „ע" , לְמָשָׁל der König (דער קעניג) ·

ü , וויא „אי" לְמָשָׁל Brüder (ברידער) ,

ווען איינס פון דיא דרייא געשטריכענע זעלבסטלויטע ברויכען קוממען מיט א גרויסען בוכשטאב , שטרייכט מען נישט תמיד דאס גרויסע אות , נאר עס קוממט מאנכעס מאהל נאך דען גרויסען אות איין e · לְמָשָׁל Aeltern (עלטערן) , דאס קוממט ארויס פון ווארט „אלט" , ווערט דיא a פערענדערט אין רעדען אויף e בלייבט דאס זעלבע זעלבסטלויט וויא פריהער a נאר געשטריכען ä , נאר מחמת דאס ווארט „עלטערן" מוז שטעהן מיט א גרויס אות (לויט כלל וואס ווייסט

---

*) מיר פרעמדע ווערטער אויף ien לְמָשָׁל Galizien (גאליציען)

ערשט שפעטער געוואהר ווערען), אונ א גרוים אות ווערט נישט תמיד געשטראכן, אלזא שטעלט מען נאך דער גרויסער A איין e, אונ Ae ווערט געלעזען וויא „ע״, מען שרייבט אויך יעצט Eltern מיט בלוים E. —

אזוי אויך Oe וויא ö, למשל die Oefen (דיא אפען), די אייוועגס. (תנורים) דאס קומט ארוים פון ווארט Ofen (אויבען, תנור). — אזוי אויך Ue וויא ü למשל Uebel (איבעל, שלעכט). —

äu וויא „אוי״ למשל Häuser (הויזער), Räuber (רויבער).

בעמערק דיר גוט דיא אללע כללים פון דער דריטער לעקציאן אונ ביז א הער, אונ נעם דיך צום דריטען לעזעשטיק.

3 טעם לעזעשטיק.

Wie וויא kurz קורץ ist unser Leben! Die דיא Eltern עלטערן waren in Petersburg. Welche Qual קוואל ist der Durst דורשט! Wie gut ist jenes Papier פאפיר, aber wie schlecht שלעכט ist dieses דיעזעס. Ist das Thor טהאר stark שטארק? Seine זיינע Noth נאטה ist groß גראס. Die Axt אקסט ist schwach שוואך. Meine Tochter! טאכטער sei זייא nie ניא stolz שטאלץ. Wie groß war gestern meine Freude פרוידע. Das Tuch טוך ist nicht ניכט blau בלויא sondern זאנדערן schwarz שווארץ. Da ist ein Baum באאם, dort ein Haus האאז. Der Apfel אפפעל ist süß זיס. Die Zeit צייט hat Flügel. Keine Antwort אנטווארט ist auch eine איינע Antwort. Der König קאניג ist nie ungerecht אונגערעכט. Ist es schon spät שפעהט? Wie theuer טהייער ist dieses Glas גלאז? Wo war gestern das Feuer פייער? Der Bär באר ist nicht so stark wie der Löwe לאווע. Die Biene ביענע hat Flügel. Simson זימזאן war so stark wie ein Löwe. Euer אייער Haus hat nicht sieben זיעבען sondern fünf פינף Fenster פענסטער. Heute הויטע ist es warm. Das Thal טהאל ist grün גרין.

אויפגאַבע.

יעצט לעז איבער דאס דריטטע לעזעשטיק, זאָלסט עס פערשטעהען, דא האסט דוא טייטשווערטער פון דריטטען לעזעשטיק:

Qual פיין (צרה), dieses דאס דאָזיגע. Thor טויער (שער), Noth נויט' Art אַ האַק, nie קיינמאָהל, Freude פֿרייד, blau בלאָה sondern נאָר, ungerecht אומגרעכט, Veilchen פֿיילכען (אַ בלומע) theuer טהייער (יקר), Glas גלאָז, Feuer פייער, Biene א ביען (דבורה), Simson שמשון, Euer אייער (שלכם), nicht נישט, heute היינט, Thal טאָהל.

---

4 טע לעקציאָן.

§ 10. — נאָך אייניגע כללים צום לעזען

ih, uh, oh, äh, eh, יעדע זילבע (הברה), וואס ענטהאלט א זעלבסט־לויט מיט איין h, ווערט זיא אביסעל לענגער געצויגען למשל ihr איהר, אָבער נישט איר; sehr זעהר אָבער נישט "זער"; Sohn זאָהן; Stuhl שטוהל.

nn, mm, ll, tt, ווען עס שטעהן צוויי אותיות טאָפפעלע, ווערט דיא זילבע געשיקטער אויסגערעדט ווי געוואָהנליך, למשל fromm, voll, Mann, Bett, Sonne, Messer, Mutter, ווערט געלעזען פֿראָמם, פֿאָלל, מאַנן, בעטט, זאָננע, העררר, מעססער, מוטטער, אָבער נישט פראָם, פאָל, מאַן, בעט, זאָנע, הער, מעסער, מוטער.

oo, ee, aa, טאָפפעלע זעלבסטלויטע ווערען געצויגען לענגער ווי איין נקודה, אָבער נישט טאָפפעל, למשל das Haar, Meer, Schnee, Boot, גלייך עס וואָלט געוועזען איין נקודה אַ לאַנגע, אָבער נישט ווי צוויי נקודות, נישט הא־אר מע־ער שנע־ע, בא־אט, נאָר האָהר, מעהר, שנעה, באָהט.

יעדאָך ביא ווערטער וואס האָבען צוויי זילבען אָדר מעהר, ווערט דאס נישט געלעזען ווי אַ לאַנגע נקודה, נאָר ווי צוויי קורצע

לְמָשָׁל be-endigen בְּע-ענְדִיגען . Arme-en אַרְמֶעען -.
C (צק) ווערט געלעזען. ווי א שטארקע ק, לְמָשָׁל der Sack (דער זאקק)
d t וויא t אליין, לְמָשָׁל die Stadt (דיא שטאדט).
Ph, ph ווירד געלעזען וויא f פ אדער ף לְמָשָׁל Prophet (פראפעט)
נביא, Pho—to—graphie, פאטאגראפיא.

s, S פאר איין זעלבסטלויט איז איין ז לְמָשָׁל sehen, אבער פר
איין מיטלויט איז עס איין s סמך. לְמָשָׁל West.

v, V אין דייטשע ווארטער ווערט עס אויסגערעדט וויא איין f
ף. לְמָשָׁל Vater פאטער. אין פרעמדע ווארטער פון איין אנדערע
שפראכע, ווערט v געלעזען וויא w וו לְמָשָׁל Vase וואזע Venedig
(דיא שטאט ווענעדיג), Klavier קלאוויר.

c, C פאר דיא זעלבסטלויטע y, i, e איז עס צ, אבער פאר
אלע איבריגע אותיות, אונ אויך צום סוף ווארט ווערט
עס געלעזען וויא ק. לְמָשָׁל Concert קאנצערט.

וויא מען ברויך אין דייטשען דאס אות „צ" בענוצט מען איין
z, אדער tz

ti קומט פאר אמייסטען אין ווארטער וואס דיא דייטשע שפראכע
האט זיך געליגען פון לאטיינישער שפראכע, אונ דאס ווערט געלעזען
וויא צי לְמָשָׁל die Nation (דיא נאציאן) פאלק. die Lection (די לעקציאן)
לעקציע, אוראק, —

ch, Ch אין דייטשע ווארטער איז דאס ח, אין ווארטער אבער
פון איין אנדערער שפראכע איז עס „ק" אדער „ש", לְמָשָׁל Christ קריסט :—
Chocolade שאקאלאדע. אויסער China, Chymie (כינא, כימיא)

4. טעם לעזעשטיק.

Der Bär ist sehr זעהר faul פויל. Ich habe zehn צעהן Finger, Die Axt ist aus אוים Eisen אייזען. Es ist heute sehr kühl קיהל. Deine Uhr אהר ist hier היער. Heute früh פריה war Feuer פייער in Praga Die Aehre עהרע ist weiß ווייס oder gelb. Ihr Leute לייטע warum ווארום seid זייד ihr איהר

so זאָ traurig טרויריג. Mein Stuhl שטוהל ist sehr schön שעהן. Wie der Herr הערר so der Diener דינער. Das Fräulein dort ist sehr fromm פראָמם. Dieser Herr ist Doctor דאָקטאָר der Philosophie פהילאָזאָפהיע. Mein Messer ist scharf שאַרף. Auch אויך das Vieh פיעה hat Gefühl געפיהל. Hier ist ein Glas Wasser וואססער. Mein Bett בעטט ist von Eisen. Die Erde ist nicht so groß wie die Sonne זאָננע. Der Ochs ist kein Vogel. Alles hat seine Zeit. Deine Scheere שעערע ist so scharf שאַרף wie mein Messer. Wo ist das Meer מעער so tief טיעף? O Quelle, wie bist du kühl! Bist ביסט du schon satt זאַטט? Gold ist immer איממער gelb. Dein Haar האאר ist schwarz, aber sein Haar ist roth. Hier ist ein Fluß פלוס dort eine See זעע. Das Meer ist hier blau. Unser Boot באָאט ist gut. Unser Haus hat neun נוין Zimmer צימער. Sein Auge אַאוגע ist hell העלל, wie die Sonne. Der Blitz בליטץ ist schnell שנעלל. Heute roth ראָטה morgen todt. Der Sack זאַקק hier ist voll פאָלל Zucker. Die Glocke גלאָקקע ist von Eisen. Gott ist ein Geist גייסט, sein ist der Donner דאָננער und Blitz, das Wasser und Feuer, der Himmel היממעל und die Erde, der Mensch und das Thier טהיער. Es ist überall איבעראלל schon Schnee שנעע. Ende gut, alles gut,

---

אויפגאבע.

לעז נאָך אַמאהל איבער פירסטעם לעזעשטיק אונ זאָלסט פערשטעהן זיך נאָך דיא טייטשוואָרטער.

טייטשוואָרטער צום פירסטען לעזעשטיק.

Ich habe האב איך (יש לי); sehr זייער (מאד); Uhr וויגער (מורה שעות); hier דא (פה); Aehre זאנג (שבולת); Leute מענשען; warum ווארום (למה); seit זענט (הנכם). so אזוי; fromm פרום; Philosophie חכמת הפלוסופיא; Vieh בהמה von פון; Erde ערד; Sonne זאננע (שמש);

דאס איז איין אויסגעשריי אך O! ; ים Meer, האט hat ; (הכל) אלץ Alles
roth ; (שער) האער Haar ; תמיד immer ; (מעין) קואל Quelle
א קליין שיפעל Boot ; ים See ; (נהר) טייך Fluß ; (אדום) רויט
(מלא) פולל voll ; טויט todt ; געשווינד schnell ; (עין) אויג Auge
Thier , (רעם) דונער Donner ; (נשמה) רוח Geist ; גלאק Glocke
. סוף Ende : (בכל מקום) אומעטום überall ; חיה

יעצט לערן דיך דיא פינפטע לעקציאן . דאס הייסט די פארם פון שרייבען אם ענדע פון העפט .

אויפגאבע .

1 לערן דיך אוים בעל פה כסדר דיא געדריקטע אבעצע
2 יעצט שרייב איבער דיא אבעצע אונ דיא עטליכע שורות דיא געשריבענע לויט פארם . עס שטעהט אם ענדע פון דיזעם העפט .

3 יעצט אז קענסט שוין שרייבען , שרייב איבער דיא אלע פיער געדרוקטע לעזעשטיקקע כסדר . יעדעס אות וואס דו געדענקסט נישט וויא אזוי עס שרייבט זיך , זאלסט דוא ציילען דאס וויפעלטע עס איז אין געדרוקטער אבעצע . וועסט דוא עס אזוי געפינען אין דער געשריבענע . דאס איבערשרייבען וועט דיר אנפאנגס אביסעל שווער אנקוממען , מחמת דוא ברויכסט נאכצוקוקען יעדעס אות אבער מיט יעדער מינוט וועט עס דיר לייכטער אנקוממען , ביז וועסט שוין גאר נישט ברויכען נאכצוקוקען אין דער געשריבענע אבעצע .

4 דיא פיער לעזעשטיקקע וואס פערשטעהסט שוין , איבערזעטץ זייא דיר גאר אויף יידיש אין א טעטראד , אונ אז וועסט זייא שוין האבען אויפגעשריבען אויף יידיש , זאלסט דוא זייא אליין צוריק איבערזעטצען אויף דייטש , למשל דען זאטץ אין צווייטען לעזעשטיק וויסט דאך שוין וואס כען מיינט דאס , Welcher Tag war gestern אלזא איבערזעטץ דאס איינפאך אויף יידיש „וועלכער טאג איז גיוועזען נעכטין" . דערנאך וועסט אוועקלייגען דאס העפט , אונ וועסט איבערזעטצין דאס פון דיין קאפ אויף דייטש , אזוי וויא אויבען .

5 נאכדעם וויא דוא האסט שוין איבערזעצט איין לעזעשטיק פון יידישען אויף דייטש אויפגעשריבן אין טעטראד זאלסט דוא נעמען דאס

געדרוקטע העפט, אונ נאכקוקען יעדען זאטץ, אויב האסט גוט איבער־זעצט, אונ אויב האסט גוט אויסגעלעגט. יעדען פעהלער וואס האסט געמאכט, זאלסט דיר פערבעססערן, אונ דערנאך נאך אמאהל איבער־זעטצין כמשפט הראשון אונ נאך אמאהל איברזעהן. אז וועסט שוין קיין פעהלער פינדען, וועסט דוא עס שוין ריין איבערשרייבען, אונ געהן אזוי צום 2 טען, 3 טען אונד 4 טען לעזעשטיק.

---

6 טע לעקציאן.

---

§ 11. — אויב דוא מיינסט, אז ביסט שוין פערטיג מיט דעם דייטשען לעזען אונ שרייבן, האסט דוא א גרויסען טעות, דענן אויסער דיא אבעצע וואס דוא קענסט שוין, איז נאך דא אין דייטשען א לאטיינישע אבעצע. דאס איז גאר אנדערע בוכשטאבען, אונ זעהר פיעלע ביכער זענין געדרוקט גאר אין גאנצען מיט לאטיינישע בוכשטאבען. אויך שרייבען זעהר פיעל מענשין בריעף מיט לאטיינישע בוכשטאבען. אלזא מוזט דוא דיך נאך בעקענען מיט דער לאטיינישער אבעצע, מיט דער געדרוקטער אונ מיט דער געשריבענער. דיא לאטיינישע אותיות זענין בעקאנט במעט אין גאנץ אייראפא. אויך דיא פראנצויזען, דיא ענגלאנדער, איטאליענער, רומאנר בענוטצען דיא לאטיינישע אותיות צוא זייערע שפראכען, דאס זענען דיא אייגענע אותיות וואס דיא פאלנישע.

איך שטעל דיר דא לאטיינישע בוכשטאבען. אונטער יעדען אות געפינסט דוא א דייטשעס אות, וועסט דוא שוין קעננען וויססען וואס יעדעס איז, אונ וויא עס קלינגט. —

דיא געדרוקטע לאטיינישע אבעצע גרויס אונ קליין.

לאטיין	A	a	B	b	C	c	D	d	E	e
דייטש	𝔄	𝔞	𝔅	𝔟	ℭ	𝔠	𝔇	𝔡	𝔈	𝔢
לאטיין	F	f	G	g	H	h	I	i	J	j
דייטש	𝔉	𝔣	𝔊	𝔤	ℌ	𝔥	ℑ	𝔦	ℑ	𝔧
לאטיין	K	k	L	l	M	m	N	n	O	o
דייטש	𝔎	𝔨	𝔏	𝔩	𝔐	𝔪	𝔑	𝔫	𝔒	𝔬

לאטיין	P	p	Q	q	R	r	S	s	T	t
דייטש	𝔓	𝔭	𝔔	𝔮	ℜ	𝔯	𝔖	ſ	𝔗	𝔱
לאטיין	U	u	V	v	W	w	X	x	Y	y
דייטש	𝔘	𝔲	𝔙	𝔳	𝔚	𝔴	𝔛	𝔵	𝔜	𝔶
לאטיין					Z	z				
דייטש					ℨ	𝔷				

די אומלויטע זענין דיזע

לאטיין	Ae	ä	Oe	ö	Ue	ü
דייטש	𝔄𝔢	𝔞̈	𝔒𝔢	𝔬̈	𝔘𝔢	𝔲̈

די צוזאממען געזעצטע בוכשטאבען זענען דיזע

לאטיין	ch	chs	ck	ph	qu	sch
דייטש	𝔠𝔥	𝔠𝔥𝔰	𝔠𝔨	𝔭𝔥	𝔮𝔲	ſ𝔠𝔥
לאטיין	sp	st	ss	th	tz	.
דייטש	ſ𝔭	ſ𝔱	ß	𝔱𝔥	𝔱𝔷.	

די אייגענע כללים וואס זענין ביים לעזען פון דייטשע בוכשטאבען .
זענין אויך ביים לעזען פון לאטיינישע בוכשטאבען .

---

6 טעם לעזעשטיק מיט לאטיינישע בוכשטאבען

Das Gold ist gelb. Der Bruder ist gut. Da ist der Anfang, aber wo ist das Ende? Jener Tisch ist rund. Das Gold ist stets gelb, das Silber ist oft ganz schwarz. Mancher Mensch hat Silber und Gold und ist doch arm. Dieser Fluss ist zwanzig Fuss tief. Wie viel ist sechs und sieben und neun? Mein Herz ist traurig. Der Garten ist kein Feld, und das Feld ist keine Wiese. Wir haben keine Zeit. Unse-

re Eltern sind schon sehr alt, aber ihr Kopf ist noch nicht grau. Ein Jahr ist nicht so lang. Die Wiese und das Feld sind ganz voll Wasser.

אויפגאבע .

1 לעז איבער דאס 6 טע לעזעשטיק אונ ווערבעם אות דו ווייסט
נישט וואס עס איז , קוק נאך אין דער לאטיינישע אבעצע ,
דיא געדרוקטע .
2 שרייב איבער דאס 6 טע לעזעשטיק אויך מיט לאטיינישע
בוכשטאבען . יעדעם אות וואס דוא ווייסט נישט . וויא אזוי
עס שרייבט זיך . קוק נאך אין דיא געשריבענע לאטיינישע
בוכשטאבען . ד"ה צייל דאס וויפעלטע אות עס איז .—

טייטשווערטער צום 6 טעם לעזעשטיק

Anfang התחלה; stets שטענדיג (תמיד); oft ע"פ רוב Mancher Mensch טהייל מענשען: Wiese לאנקע (אחו); sehr זייער (שלהם); grau גראה; sind זייא זענען; voll פולל (מלא).

אויפגאבע .

1 לעז נאך אמאהל דאס 6 טע ל"ש, זאלסט עס פערשטעהן :
2 שרייב איבער נאך אמאהל דאס זעקסטע לעזעשטיק
3 שרייב עס אויף מיט יידישע אותיות .
4 איבערזעטץ צוריק פון דיין יידישען אויף דייטש שריפטליך מיט
לאטיינישם בוכשטאבען . דערנאך מיט דייטשע .
5 זעה נאך אויב האסט גוט איבערזעצט אונ אויסגעלעגט .
6 פערבעסערט דיא פעהלער , אונ שרייב עס איבער ריין . —

---

7 טע לעקציאן.

§ 12 —. יעדעס וואָרט קען מען צערטהיילן אויף זילבען (הברות). א זילבע איז איינם אָדער עטליכע מיטלויטע (אותיות) מיט א זעלבסט־לויט (נקודה). וויא פיעל זעלבסטלויטע עס איז פערהאנדען אין וואָרט, אזוי פיעל זילבען איז דא דארין, למשל Die Schrift איז איין איינ־זילביגעס וואָרט, ווייל דיא אותיות פון פאָרנט אונ פון הינטען, ווערען געשטעצט אויף דער איינער; וואס שטעהט אין מיטען. דאס וואָרט gehen איז איין צווייזילביגעס וואָרט היינו ge—hen. gegeben איז איין דרייזילביגעס וואָרט היינו ge—ge—ben. sonderbare איז איין פיער־זילביגעס וואָרט היינו son—der—ba—re —. אונ אזוי איז דא ווערטער פון מעהרערע זילבען.

§ 13 —. אין יעדען וואָרט איז דא איין זילבע וואס זיא ווערט לענגער אביסעל געצויגען וויא דיא איבריגע זילבען, למשל Vermögen ווערט געצויגען דיא זילבע mö מעהר וויא דיא איבריגע. unglücklicher, ווערט מעהר געצויגען דיא un וויא דיא איבריגע. דעם קוועטש פון דער זילבע מעהר וויא איין אנדערע, רופט מען אין דייטשען Akcent (אקצענט), דאס איז דאסזעלבע וואס הייסט אין רוסישען אודארעניע.

עס איז פערהאנדען כללים דארויף אויף וועלכער זילבע, עס קומט דער אקצענט, אבער מיר בעהאלטען דיא כללים אויף שפעטער, בפרט יידען ברויכען זעהר ווייניג דיזע כללים, ווייל זייא ווייסען ע"פ רוב ביי וועלכער זילבע צו ציהען. מחמת יידיש איז דיזעלבע שפראכע וואס דייטש, נאר זיא איז אביסעל פערדארבען.

§ 14 —. דיא 4 צייטען פון יאהר הייסען אזוי:

Der Winter— Der Frühling וויאסנא (אביב)
Der Sommer — der Herbst אסיען, יעשען (בציר)

דיא 12 חדשים פון יאהר הייסען

Januar טבת, Februar, März, April, Mai, Juni Juli, August, September, October, November, Dezember בסליו.

דיא טעג פון דער וואך הייסען

Sonntag, Montag, Dienstag, Mittwoch, Donnerstag, Freitag, Sonnabend שבת.

אויפגאבע

1 לערן דיך אויס אויסענווייניג דיא 4 צייטען פון יאהר, דיא צוועלף מאנאטע, דיא וואכענטעג.
2 שרייב דאס אלעס איבער, אונ זעה אויב האסט גוט אויסגעלייגט.
3 אויך שרייב איבער דיא צאהלען (מספרים) וואס איך שטעלל דא באלד, אונ זאלסט דיך אויסלערנען דיעזעלבע אויסלעגען.

צאהלען.

Eins, zwei, drei, vier, fünf, sechs, sieben, acht, neun. zehn, elf, zwölf, dreizehn, vierzehn, fünfzehn, sechzehn, siebzehn, achtzehn, neunzehn, zwanzig, ein und zwanzig, zwei und zwanzig, drei und zwanzig dreissig, ein und dreissig, zwei und dreissig א. ז. וו. vierzig, fünfzig, sechzig, siebzig, achtzig, neunzig, hundert (100), hundert eins (101), zweihundert (200), dreihundert (300), vierhundert elf (411), fünfhundert ein und zwanzig (521) sechshundert fünf und siebzig (675) א. ז. וו. tausend (1000). tausend eins (1001), tausend zweihundert drei und achtzig (1283), hunderttausend (100,000), eine Million (1,000,000), zwei Millionen א. ז. וו.

אויפגאבע.

1 שרייב איבער דיא צאהלען מיט דייטשע, אויך מיט ראטיינישע בוכשטאבען. אונ זעה אויב האסט גוט אויסגעלעגט.

8-te Lection
7-tes Lesestück
Der Dieb גנב und seine Mutter.

Es war[1] einmal[2] ein Dieb der gehängt[4] werden[5] sollte.[6] Da[7] er schon unter[8] dem Galgen[9] war, sah er[10] seine Mutter, die[11] bitter[12] weinte.[13] Da[14] sagte[15] er zu dem Scharfrichter,[16] er solle[17] ihm[18] doch erlauben,[19] erst[20] noch ein Wort mit seiner Mutter zu sprechen;[21] und[22] der Scharfrichter sagte[24] das könne[25] er thun.[26] Da ging[27] er hin[28] zu seiner Mutter, und that,[29] als[30] wenn[31] er ihr etwas[32] ins[33] Ohr[34] sagen[35] wolle,[36] und da biß[37] er sie auf einmal so[38] gewaltig[39] ins Ohr, daß[40] die alte Frau anfing[41] laut[42] zu schreien. Da sagten[43] die Leute,[44] die zugegen[45] waren: „Das muß[46] ein rechter Bösewicht[47] sein daß er so kurz vor[48] seinem Tode,[49] seine Mutter ins Ohr beißen kann[50]" Aber der Dieb antwortete[51] „Ihr lieben[52] Leute,[53] wundert euch nicht darüber![54] Wisset[55] nur, daß diese meine Mutter die Ursache[57] meiner[58] Schande[59] und meines[60] Todes[61] ist. Da[62] ich noch ein Kind war, gewöhnte[63] ich mir das Naschen an,[64] und meine Mutter strafte[65] mich nicht dafür.[66] Da ich in die Schule ging, stahl[67] ich meinen Kameraden[68] die Bücher, und wenn ich dann[69] nach Hause kam,[70] freute[71] sie[72] sich[73] darüber und verkaufte[74] die Bücher. Das machte[75] daß ich immer mehr Lust[76] zum[77] Stehlen[78] kriegte,[79] bis ich endlich[80] ein großer Dieb wurde.[81] Hätte[82] meine Mutter mich gleich[83] Anfangs[84] bestraft, so würde[85] es nicht so weit mit mir gekommen sein. Deswegen[86] biß ich sie ins Ohr, um[87] ihr auf eine empfindliche[88] Weise[89] zu erkennen zu geben, daß sie die Ursache meines Todes sei.[90]"

Du sollst nicht naschen oder stehlen,
Und was du findest[91] nicht verhehlen,[92]
Du sollst Betrug[93] und Unrecht[94] scheu'n[95]
Sonst[96] werden Schmach[98] und Schande dein.[99]

אנמערקונג. ווייל פיעלע ווארטער דייטשע זענין עהנליך צו יידיש, אונד יעדער יוד קאנן זאלכע זעלבסט פערשטעהן, האבען מיר דיא דייטשע לעזעשטיקקע נישט איבערזעצט קייגען איבער אויף יידיש, אזוי וויא מיר האבען געטוהען בייא אונזערע מעטאדען פון אנדערע שפראכען. נאך וואס זאללען מיר אויסברענגען פלאטץ פיר דען יידישען ? . נאר דיא ווארטער וואס איין יוד איין אנפאנגער קענן זעלבסט נישט פערשטעהן, וועט ער געפינען אין דיא טייטשווארטער, מיר האבען בעצייכנט יעדען זאטץ מיט איין נומער, אונ ווענן דוא ווייסט נישט א ווארט אים זאטץ, זאלסט דוא אבזוכען דען נוממער אין דיא טייטשווארטער אונ אונטער זאלכער צאהל וועסט דוא עס געפינען אין דיא טייטשווארטער. אמת . דער שיהלער וועט ברויכען אבימעל זוכען, אבער פר דאס וועט דאס ביכעל נישט זיין פרגומען מיט יידישע ווארטער וואס זענין דא נישט ניצליך, אונ אויף דעם ארט, וועט מעהר אריין געהען בלויס דייטשע ווארטער. וועט יעדער מעהר האבין דייטשעס, דאס הייסט : באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא ובוורא.

טײטשװערטער צום 7 טען לעזעשטיק

1 איז געוועזען. — 2 אמאהל. — 3 גנב, — 4 אויפגעהאנגען. —
5 ווערען. — 6 האט ער געוואללט. (ער האט געוואללט אויפגעהאנגען ווערען). —
7 וויא. בשעת. — 8 אונטער מתחת. — 9 תליה. — 10 האט ער
געזעהען. — 11 ווערכע. — 12 ביטטער, יאמערליך. — 13 זיא האט געווײנט. —
14 דענמאלט, אז. — 15 האט ער געזאגט. — 16 תלין. — 17 זאלל. —
18 עוהם. — 19 ערלויבען, פאזוואליען. — 20 פריהער. — 21 רעדען. —
22 אונ. — 24 האט געזאגט. — 25 קענן. — 26 טהוען —
27 איז ער געגאנגען. — 28 אהין. — 29 האט געטוהען. — 30, 31 גלייך.
קלאמערשט, אזוי וויא. — 32 עפים. — 33 אין דעם. — 34 אויער. —
35 זאגען. — 36 ווילל. — 37 האט ער א ביסס געטוהן. 38 אזוי. — 39 שטארק,
שרעקליך. — 40 אז. — 41 האט אנגעהויבען. — 42 הויך, בקול רם. —
43 האבען זייא געזאגט. — 44 מענשען. — 45 דאבייא. — 46 מוז. —
47 רשע. — 48 פאר. — 49 טויט. — 50 קאנן. — 51 האט געענפערט. —
52 ליעבע. — 53 מענשען. — 54 אויף דעם. — 55 איהר זאלט וויסען. —
57 סבה. — 58 פון מיין. — 59 חרפה. — 60 פון מיין. —
61 טויט. — 62 ווענן. — 63 האב געוואהנט. הרגלתי. — 64 דאס ווארט „אן"
געהער צום פריהריגען ווארט „געוואהנטע" גלייך עס וואלט געשטאנען „אנגעוואהנטע"
(האב מיך צו געוואהנט). — 65 האט געשטראפט. — 66 פר דעם. — 67 האב

געגנבת. 68 חברים. — 69 דערנאך. — 70 בין געקומען. — 71. 72. 73 האט זיא זיך געפרייעט. — 74 האט פערקויפט. 75 האט געמאכט. — 76 חשק. — 77 צו דעם. — 78 גנבנן. — 79 האב געקריגען. — 80 צום סוף. — 81 בין געווארען. — 82 וואלט געוועזן. 83 באלד. 84 מתחילת. — 85 וואלט עס. — 86 דאריבער. — 87 כדי. — 88 פיהלענדע. — 89 מאדע ד"ה אויף אזוי א מאדע זיא זאל פיהלען. — 90 איז. — 91 געפינסט. — 92 בעהאלטען, מעלים זיין. — 93 רמאות, שווינדעל. — 94 אומרעכט. — 95 פיינד האבען. — 96 באם לאו. 98 שאנד, חרפה. 99 דיין זיין. ד"ה וועט בושה אז חרפה דיין זיין —.

אויפגאבע.

1 לעז איבער עטליכע מאל דאס זיבענטע ל"ש.
2 ווען זאלסט עס פערשטעהן.
3 שרייב עס איבער מיט דייטשע, דערנאך מיט לאטיינישע אותיות.

9-te Lection

8-tes Lesestück

Der Richterspruch (דער פסק)

1) Es war einmal ein Geizhals, [1] der hatte [2] einen [3] Beutel mit 100 Dukaten verloren.

2) Ein armer Mann fand [5] den Beutel mit den Dukaten; und da er erfuhr, [6] wer ihn [7] verloren hatte, trug [8] er ihn hin zu dem Eigenthümer [9]

3) Dieser zählte [10] sogleich [11] seine Dukaten und sagte, es seien [12] nur 99, und der Finder [13] habe [14] einen gestohlen. [15]

4) Er verklagte [16] diesen [17] sogar [18] vor [19] Gericht. [20]

5) Der Richter war aber ein weiser [21] und gerechter Mann, [22] und er kannte [23] auch den Geiz-

hals als [24] einen schlechten Menschen, den armen Finder aber als einen ehrlichen.

6) Und er sagte [25] zu jenem: „Da [26] du behauptest [27] einen Beutel mit 100 Dukaten verloren zu haben, dieser hier [28] aber nur 99 enthält [29], so ist es auch nicht der deine [30], und er gehört dem ehrlichen Finder, bis sich der wahre [31] Herr [32] dazu [33] meldet. [34]"

7) So entschied [35] der Richter, und so geschah [36] es auch.

מײטשװערטער צום 8 טען לעזעשטיק

1 קארגער. — 2 האט געהאט. — 3 איין. —
5 האט געפינען. — 6 איז געוואהר געווארען. — 7 עם. — 8 האט ער
געטראגען. — 9 אייגענטהימער, בעל האבדה. — 10 האט איבערציילט —
11 באלד. — 12 זענין, — 13 געפינער. — 14 זאלל האבען. — 15 געגנבת, —
16 האט פערקלאגט. — 17 דעמראויגען. — 18 אפילו. — 19 פאר, —
20 מישפט, סוף. — 21 קלוגער. — 22 מענש. — 23 האט געקענט. —
24 פאר. — 25 האט געזאגט. — 26 מחמת. — 27 האלטסט אין דער סברא. —
28 דא. — 29 האלט אין זיך (מחזיק). — 30 דיינער. — 31 אמתער. —
32 בעל באס. — 33 צו דעם. — 34 וועט זיך מעלדען, זגלאשען. —
35 האט געפסקנט. — 36 אזוי איז אויך געשעהן. ד"ה אזוי איז טאקי געבליבען. —

אויפגאבע

1 לעז איבער עטליכע מאהל דאס אכטע ל"ש
2 לעז עס איבער זאלסט עס פערשטעהן
3 שרייב עס איבער מיט דייטשע. דערנאך מיט באטיינישע
בוכשטאבען. —

איך גיב דיר נאך איין לעזעשטיק מיט יידישע בוכשטאבען
דען פיעלע יידען וואס קענען דייטש, שרייבען אויך בריעפע איינער

מיט אנדערן מיט יידישע אותיות, דאס ברויך מען אויך וויסען וויא אווי אויסצולייגען.

דיא רייבער[1]

זעהר טרויריג קאם[2] איינסט[3] איין שילער צו זיינעם לעהרער,
אונד ריעף[4] איהם קלאגענד[5] צו[6]

— אך, איך בין פאן רייבערן איבערפאללען אונד בערויבט[7]
ווארדען[8]!

דא פראגטע[9] דער לעהרער:

— האבען זיא דיינען פליים[10], דיינע קענטניססע[11],
דיינע פראממיגקייט[12] גערויבט[13]?

— ניין — אנטווארטעטע דער שילער — אבער מיינע זאכען.
מיין געלד.

— נון, זא טראסטע דיך[14] נור, מיין זאהן — זאגטע
דער לעהרער —ביידעס קאנסט דוא ווידער ערלאנגען[15];
אבער היטע דיך וואהל[16] פאר דען רייבערן, דיא דיר שטעהלען[17]
קאננען, וואס אונערזעטצליך[18] איזט — דיא טוגענד[19].

טייטשווערטער צום 9 טעם לעזעשטיק

1 גזלנים. — 2 איז געקומען. — 3 אמאהל. — 4, 5, 6, ער
האט צו עם געשריגען קלאגענדיג. — 7 בגזלת. — 8 געוואָרען.
9 ער האט געפרעגט. — 10 פלייסיגקייט. — 11 קעננען, ידיעות.
12 פרומקייט. — 13 געגזלת. — 14 טרייסט דיך. — 15 דערלאנגען.
16 גוט. — 17 גנבנן. — 18 וואס מען קענן נישט מיט אנדערס
ממלא זיין. — 19 מצות און מעשים טובים. —

Lysobyki den 20 September 1890.

Herrn Samuel Honig

Warschau.

Ich bedauere sehr Ihnen hiermit melden zu müssen, dass ich von den durch den Fuhrmann Sissel Friedmann übersandten 5 Tonnen Hering, nur 3 und zwar in dem traurigsten Zustande erhalten habe. Er hat, wie er sagt, in der Nacht den Wagen umgeworfen, und damit die fehlenden 2 Tonnen zertrümmert und die Heringe verschüttet, die übrigen 3 Tonnen aber sehr erschüttert.

Bei solchen Umständen können Sie es nicht unbillig finden, wenn ich den Hering für Ihre Rechnung liegen lasse!

Achtungsvoll

M. Grünwald.

ווערטער

müssen מוזען ; dass איז ; übersandten איבערגעשיקט;
zwar אייגענטליך; Zustande שטאנד; zertrümmert חרוב געמאכט;
unbillig אומגערעכט; finden געפונען; liegen lasse ליגען לאזען

Sprichwörter.

Borgen macht Sorgen.
Besser Unrecht leiden als Unrecht thun.
Besser arm mit Ehren, als reich mit Shanden.
Durch Schaden wird man klug.
Ehre verloren, alles verloren.
Fleiss bringt Brod, Faulheit Noth.
Eine fette Küche macht einen magern Beutel.
Es ist noch kein Meister vom Himmel gefallen.
Gelegenheit macht Diebe.

Rede wenig, aber wahr; vieles Reden bringt Gefahr.

Der Horcher an der Wand, hört seine eigene Schand.

Spare in der Zeit, so hast du in der Noth.
Wie die Arbeit, so der Lohn.

Der Krug geht so lange zu Wasser bis er zerbricht.

אויפגאבע.

1. שרייב דיא שפריכווארטער איבער מיט דייטשע בוכשטאבען.
2. איבערזעטץ דאס אויף יודיש, און פון יודישען איבערזעטץ עס צוריק אויף דייטש.
3. דיא פעהלער פון אויסלעגען קוק נאך און פערבעסער.

10-te Lection

9-tes Lesestück

Der Grossvater[1] und sein Enkel[2]

Es war einmal ein alter Mann, der konnte[3] kaum gehen, seine Kniee zitterten, er hörte und sah[4] nicht viel und hatte keine Zähne mehr. Wenn er nun bei Tische saß[5] und den Löffel kaum halten konnte, schüttete[6] er die Suppe[7] auf das Tischtuch, und es floß ihm auch etwas wieder aus dem Munde[8]. Sein Sohn und dessen[10] Frau ekelten[11] sich davon und deswegen mußte sich der alte Großvater hinter den Ofen in die Ecke setzen, und sie gaben ihm sein Essen in ein irdenes Schüsselchen[12], und noch dazu nicht einmal satt; da sah er betrübt[13] nach dem Tische und die Augen wurden ihm naß. Einmal auch konnten seine zitternden Hände das Schüsselchen nicht festhalten, es fiel[14] zur Erde und zerbrach. Die junge Frau schalt,[15] er aber sagte nichts und seufzte[16] nur. Da kauften sie ihm für ein paar Pfennige ein hölzernes Schüsselchen, aus welchem er essen mußte. Wie sie nun sitzen, so trägt[17] der kleine Enkel von vier Jahren auf der Erde kleine Brettlein[18] zusammen. „Was machst du da?" fragte der Vater. „Ei!" antwortete das Kind, „ich mache ein Tröglein[19] daraus sollen Vater und Mutter essen, wenn ich groß bin." Da sahen[20] sich Mann und Frau eine Weile

an, fingen endlich an zu weinen, holten [21] sofort [22] den Großvater an den Tisch und ließen ihn von nun an immer miteßen, sagten auch nichts, wenn er etwas verschüttete.

אנמערקונג : דיזועלבע ערצאהלונג געפינסט דוא אויך אויף רוסיש אין הויזלעהרער רוססיש, פירטעס העפט (זייטע 90)

מייטשוואָרטער פון 1 טען לעזעשטיק.

1 זיידע ; 2 איינִיקעל ; 3 האט געקענט ; 4 האק געזוע-
הען ; 5 איז געזעססען ; 6 האט ער אויסגעגאססען ; 7 דיא זופ-
פע, דיא יאָך; 8 עס איז געריננען ; 9 מויל ; 10 דעם דאזיגענס;
11 האָבען זיך געמיאוסט ; 12 שיססעלע ; 13 טרויריג ; 14 איז
געפאללען ; 15 האט געשאָלטען 16 האט געזיפצט ; 17 טראגט ;
18 ברעטעליך ; 19 קאריטע אָבוס ; 20 האָבען זיך אָנגעקיקט ;
21 האָבען געברענגט ; 22 תיכף; 23 האבען געלאָזט.

אויפגאבע.

טוה דאסזעלבע וויא ביי דיא פריהעריגע לעזעשטיקער.

אנמערקונג, ווענען עס איז נישט שווער זיך אויסצולערנען בעל פה, זאל ער זיך אויסלערנען אללע לעזעשטיקער פון 8 טעס לעזעשטיק און ווייטער. דאס אויסענווייניגע קענען ניצט זעהר צו קענען רעדען. — נאכדעם וויא דוא וועסט שוין קענען בעל פה, קענסט דוא זאלבעט איבערשרייבען פון קאפ אונ דערנאך נאכזעהען יעדעס אויב האסט גוט אויסגעלעגט. —

איך האָפף אז יעצט קענסט דוא שוין גוט לעזען אונ שרייבען דייטש, אונ ברויכסט מיר דאפיר זעהר דאנקבאר זיין. עס קאסט דיך אזוי ביליג, מעגסט דוא דיר יעצט פערגינגען א הַלבען רובעל. זאלסט בעצאהלען א דייטשען לעהרער פר א לעקציע, ער זאל דיך אויסהערען אויב דוא לעזט ריכטיג, דען עס גיבט פיעלע אויסדריקע, וואס מען ברויך הערין פון א דייטשע לעבענדיגע צונג דען ריכטיגען קלאנג. אויב האסט דערווייל נישט קיין דייטשען לעהרער ביי דער האנד, מעגסט דוא דיך דערווייל לערנען ווייטער, אונ אז וועסט אמאהל האבען דיא געלעגענהייט, וועסט דוא דאס דאמאלס טוען. אונ דער דייטשער לעהרער וועט דיך אפשר אויפמערקזאם מאכען, אויף מאנכע פעהלער וואס עס קען זיין דיא מאכסט נאך אפשר אים לעזען אדער אין שרייבען, דאמאלס וועסט דוא שוין געהען אויף א פעסטע בריק. — דערווייל מאך דיר אליין עקזאמען, אונ פראביר אויב קענסט דיר אליין ענטפערן אויף אלע פראגען זאלסט נישט ברויכען נאכצוקוקען פריהער.

עקזאמען.

1 וויא אזוי ווערען אויסגערעדט דיא בוכשטאבען:

I i, j, O o, U u, S ſ.

2 וויא הייסט דאס אות h אונ אויף וועלכען ארט קומט עס?

3 וויא אזוי ווערען געלעזען דיזע בוכשטאבען.

ß, ſſ, h, ch, ſt, ſp, chs, th, qu, x,

4 וואס איז דאס זעלבסלויטע אונ וואס מיטלויטע?

5 וועלכע בוכשטאבען זענען זעלבסלויטע: רעכן זייא אויס

6 וואס איז דאס דאפפעללויטע

7 וויא אזויא ווערט געלעזין, au, eu, ie, ei

8 וועלכע זעלבסטלויטע קומען אמאהל געשטריכען?

9 וויא אזוי ווערט געלעזען: ü, ä, ö, oe, Ae, ue, äu.

10 וויא אזוי ווערט אויסגערעדט, üh, nn, mm, ll, ſt—, dt, —ck—, aa, ee, oo, ih, eh, oh,

11 ווען ווערט ט גלעזען וויא ש ?

12 וועןן ווערט C c געלעזען וויא צ, און ווען וויא ק ?

13 ווען ווערט ch , Ch געלעזען וויא „ק" ?

14 וואס איז דאס א זילבע ?

15 וויאפיעל זילבען איז אין דעם ווארט unerbärmlich . ?

16 וויא הייסט דיא זילבע אין ווארט , וואס זיא ווערט לענגער געצויגען פון דיא איבריגע זילבען ?

17 רעכען אוים אויף דייטש דיא פיהר יאהרעסצייטען .

18 רעכען אוים דיא צוועלף מאנאטע און דיא טעג פון דער וואך .

19 שרייב אויף דיא ציפפערן (שיפפערן , מספרים) מיט לאטיינישע בוכשטאבען 504 . 875 . 635 . 5651, 1890 . 472 . 336 . 1890 . 472 . 369 . 17,684 . 380,295 . 5,780,341 .

וואס איז דער טייטש פון דיזע ווארטער Mond, Knabe, Ofen, sparsam, Arzt, Ding, dunkel, Qual, oft, nie, Veilchen, Boot, Geist, Thier, überall, stets, oft, Wiese, voll.

21 איבערזעטץ דיזע ווארטער, און שרייב זיא אויף מיט דייטשע בוכשטאבען : תליה, חברים, חשק, מתחלת, תלין, גנב, א קארגער, „און וויא ער איז געוואר געווארען", „דוא האסט אין דער סברא", „דאס מוז זיין איין רעכטער רשע". „אזויא האט געפסקנת דער שופט".

אויב האסט דוא אללע פראגען אלליין פערענטפערט, און האסט נישט געברויכט נאכצוקוקען פריהער, האסט דוא שוין פערלעגט איין פונדאמענט צום ערקענען דער דייטשען שפראכע, דאס הייסט, דוא קענסט שוין לעזען און שרייבען. און יעצט װעלין מיר געהן ווייטער, און וועל דיך לערנען דיא שפראכע זעלבסט, זאלסט קענען פערשטעהן און אויפשרייבען. און אויך דיא גראמאטיק, און אויך צוא איבערזעטצען פון יידיש אויף דייטש. אזויא וויא אללענדארפישע זאטצע.—

דיא הויפטזאכע איז, זאלסט נאר נישט מיעד ווערען, און זאלסט דיין חשק ניט פערליהרען, וועט כ״ה אללעס גוט זיין.

Aa Bb Cc Dd Ee Ff

Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm

Nn Oo Pp Qq Rr Ss

Tt Uu Vv Ww Xx Yy

Zz

Der Abend ist schön. Die

Hasen kann man einfangen. Der
Stein ist schwer. Die Gans
ist ein Vogel. Der Wald ist
grün. Die Rose blüht. Ich werde
rufen. Das Pferd frißt Hafer.
Die Uhr hängt an der Wand. Die
Taube hat einen Kopf und einen
Hals. Die Zunge ist im Munde.
Das Korn wächst auf dem Felde.
Meine Eltern lieben mich. Ein
junges Schaf heißt Lamm. Die
Citrone ist eine Frucht. Ein Exem-
pel heißt Beispiel. Die Quelle
ist sehr klein. Sie hört mit den Ohren.
Der Kamm ist aus Horn gemacht.

„דער הויזלעהרער“
דייטש

צום זעלבסטערלערנען גרינדליך דיא דייטשע שפראכע,
אויף זעהר א לייכטען אופן, אהן א הילף פון א לעהרער.

פון

ניימאנאוויטש הנ״ך

(צווייטעס העפט.)

ווארשא

ДЕРЪ ГАУЗЛЕРЕРЪ ДЕТШЪ

т. е. НѢМЕЦКІЙ САМОУЧИТЕЛЬ

на разговорно-еврейскомъ языкѣ

ДЛЯ САМОУЧАЩИХСЯ ЕВРЕЕВЪ,

СОСТАВЛЕННЫЙ

Наймановичемъ

Выпускъ 2-ой

ВАРШАВА.

1900.

Дозволено Цензурою
Варшава 10 Ноября 1899 года.

„דער הויזלעהרער"
דייטש

פרייז פאן דיעזען העפט 15 קאפ'

מיט פארטא 17 קאפ'

צְווייטֶעס הֶעפְט

---

11 טע לֶעקְצִיאָן · Elfte Lection

Von den Redetheilen, חֶלְקֵי הַדִּבּוּר § 15,

אַלֶע ווארטער פון דער דייטשער שפראכע, ווערען צערטהיילט אויף צעהן רעדעטהיילע. יעדעס ווארט פון לשון מוז געהערען צוא אײנעם פון דיא רעדעטהיילע. דא שטעהן זייא אַלֶע אויסגערעכנט.

1) Das Geschlechtswort, אדער der Artikel, סימן המין.

צוא דיזעם חלק פון לשון געהערן דיא ווארטער „דער : דיא , דאס”, וואס מען זעצט צוא צוא א ווארט, אזוי וויא אין יידישען ; אדער דיא ווארטער, „איין, איינע, איין”, וואס מען זעצט אויך טייל מאהל צוא צוא איין ווארט, למשל :

der Vater, die Mutter, das Kind.
ein Bruder, eine Schwester, ein Kind

2) Das Hauptwort, имя существительное, שם העצם, Substantivum.*)

צוא דיזעם חלק הלשון געהערן :
א) ווארטער וואס בעצייכנען א לעבענדיג בעשעפעניש,
ב) זאכען וואס זענין נישט לעבענדיג, אונ וואס מיר קענען בעגרייפען מיט אונזערע חושים, למשל :

Der Mensch, das Pferd, der Wurm, der Tisch, die Wand, das Papier, der Wind, das Feld, die Blume, der Dunst (פארע, קיטור), das Haus.

*) איך שטעלל דיר דא בייא פיעלע גראממאטיקאלישע נעמען, אויך וויא זייא האבען אין לאטיינישען, ווייל אין דייטשע שוהלען ווערן דיא אללע נעמען אין דער גראממאטיק אנגערופען אויף לאטייניש. דאס קענן פיר זעהר פיעל יודען זעהר נוצליך זיין, ווענן זייא וועלין נעמען א דייטשע גראממאטיק אין דיא האנד אריין. אויך ביים לערנען אנדרע שפראכען אין יעדער גראממאטיק שטעהען דיא נעמען נאר לאטייניש, וועט קיין יוד נישט וויסען וואס דאס בעדייטעט. והעיקר ווייל עס איז גאר אונמעגליך גאכצוזוכען א שורש אין א ווארטערבוך אהן דיעזע לאטיינישע נאמען.

2) אויך אללעם וואס מיר בעגרייפען נישט מיט דיא 5 חושים נאר מיט דעם בלויסען שכל, וואס מיר שטעללען עס זיך פאר אין דיא געדאנקען. זאלכע הויפטווארטער הייסען בעגריפפסנאמען, שם המקרה, умственное, Abstractum (אבסטראקטום) למשל:

die Gesundheit, (בריאות, דאס געזונד); der Verstand, die Freude, (שמחה); וכדומה.

אט אזאלכע ווארטער ביא וועלכע מען זעצט צו אויך דעם ארטיקעל דער' „דיא" „דאס", אדער „איין" „איינע". זענין הויפטווארטער.

אנמערקונג. אללע ווארטער פון אנדערע רעדעטהיילע אין דייטשען פאנגען אן מיט א גרויס אות נאר אים אנפאנג זאץ, אבער נישט אין מיטטען זאץ. אבער א הויפטווארט האט אזוי א זכיה, אז יעדעס הויפטווארט אפילו אין מיטטען זאץ מוז קומען מיט א גרויס אות. — ווענן מען לעזט עפּיס געדרוקטעס אדער געשריבענעס, איז זעהר לייכט צו דערקעננען וועלכעס עס איז א הויפטווארט, דען ע"פ רוב פאנגען הויפטווארטער אן מיט א גרויסען בוכשטאב. און דער וואס שרייבט, ווענן ער האט קיין גראממאטיק געלערנט, ווייסט ער דאך נישט וועלכעס איז הויפטווארט, און ווייסט נישט ביא וועלכם צו שטעללען א גרויסען בוכשטאב, מאכט ער פעהלער כמעט אין יעדען ווארט. אט האסט דוא דא 2 זאטצע.

Wie alt ist dein Bruder? Mein Bruder ist zehn Jahre alt.

דאס ערשטע ווארט „וויא" „מיין" איז נישט קיין הויפטווארט. נאר עס פאנגט אן מיט גרויסע בוכשטאבען וויל עס איז אנפאנג זאטץ; לאפוקי אבער דאס ווארט „Bruder" און "Jahre„ קומען מיט גרויסע בוכשטאבען אפילו אין מיטטען זאטץ, מחמת זייא זענען הויפטווארטער.

3) das Eigenschaftswort, имя прилагательное, שם התואר, Adjectiv (אדיעקטיף). —

צו דיזע חלק הדבור געהערען אזאלכע ווארטער וואס בעציהען זיך אויף דעם הויפטווארט, צו בעצייכנען דיא מעלות אדער חסרונות פון דעם הויפטווארט, למשל:

guter Sohn, krankeMutter, schönes Haus, der Sohn ist gut, die Mutter ist krank, das Haus ist schön, der kluge Mann.

אט די װארטער , גוטער , קראנקע , שאנעס , גוט , קראנק , שאן , קלוגע , זענען אין דיזע זאצע : אייגענשאפטסװארטער .

אנמערקונג . װענן עס קומט אין דייטשען א װארט מיט א דאפעלטע m אדער דאפעלטע n , למשל : kommen , Mann , קענן מען שרייבן נאר איין m אדער איין n , נאר מיט א שטריכעלע פון אויבען , אזוי n̄ m̄ , דאס שטריכעלע װייזט , אז די m אדער n איז דאפעלט , אלזא קענן מען אויך אזוי שרייבן (זיך איינצו־ברענגען איין אורט) kom̄en , Man̄ . דער מנהג פון שטריכעלע איז נאר נוהג ביא m און n , אבער נישט ביא אנדערע דאפעלטע אותיות . אויך איז עס נאר נוהג ביים שרייבן , נישט אין געדרוקטע ביכער .

4) Numerale, числительное , שם המספר, das Zahlwort

דא אהער געהערען אללע װארטער װאס בעצייכנען א צאהל אדער איין טהייל פון א צאהל , למשל :

eins, fünf, der erste, der fünfte, der sechste, der neunte, ein Viertel.

5) Pronomen, мѣстоименіе , שם הגוף, das Fürwort

דאס איז איין שטעללפערטרעטער פאר דעם הויפטװארט אדער פאר איין נאמען , כדי מען זאלל נישט ברויכען צו װידערהאלען (להכפיל) דאס הויפטװארט , אדער דען נאמען , װיא למשל אויף יידיש , אז דוא זאגסט „שלמה האט געקויפט איין פערד פון יעקב , און ער האט עס איהם בעצאהלט" , דא זענען די װארטער : ער , עס , איהם , פיר־װארטער . דענן דוא װאלסט געמוזט זאגען „שלמה האט געקויפט א פערד פון יעקב , און שלמה האט דאס פערד דעם יעקב בעצאהלט" װאלסט

דוא איבערחזרט די אייגענע ווארטער, אלזא פערטרעט דאס ווארט „ער" דען נאמען שלמה, דאס ווארט „עס" דען נאמען פערד, און דאס ווארט „איהם" דען נאמען יעקב.— יעדעס ווארט וואס ברענגט איין, מען זאל דאס הויפטווארט נישט ברויכען איבערחזרן, הייסט עס: פירווארט, למשל:

ich, er, mein, sein, du, dein וכדומה.

Verbum, глаголъ, פעל, das Zeitwort (6

דא אהער געהערט יעדעס ווארט וואס בעדייטעט עפּיס א טוהען, א פעולה; אויך איז נוהג דאביי א פערזאן (איך, דוא, ער וכדומה). און אויך קענן זיין דאביי א צייט (עבר, הוה, עתיד): דעריבער הייסט עס צייטווארט, למשל:

Schreiben, er schreibt, sie hat geschrieben, wir werden schreiben.

